# מנין מעט

# אֵלֶה אֶזכּרה

רחל אויערבאַך / תּל־אָבֿיבֿ

# יזכּור 1943*

כ׳האָב אַמאָל געזען אַ פֿאַרפֿלייצונג אין געבערג.

אָוועקגעריסענע פֿון זייער אָרט אין מיטן נאַכט, האָבן די הילצערנע שטיבלעך ווילד זיך געטראָגן איבער די כוואַליעס פֿון צעבורזשעטן טײַך. מיט נאָך ברענענדיקע לאָמפּן אינעווייניק, מיט מענער און פֿרויען, מיט קינדער אין וויגן, אָנגעבונדענע אויף שטריק צו באַלקנס.

אַנדערע כאַטעס זענען שוין געווען ליידיק אינעווייניק, נאָר פֿון די דעכער זייערע איז אויסגעוואַקסן אַ געפּלאָנטער הענט. ווי צווײַגן אין אַ שטורעם געוואָרפֿן זיך, געבראָכן אין פֿאַרצווייפֿלונג, אומזיסט נאָך הילף געשטרעקט זיך צו די הימלען, צו די ברעגעס. מען האָט געזען פֿון ווײַטן מײַלער אויפֿגעריסענע, אָבער דאָס שרײַען האָט מען נישט געהערט, ווײַל דאָס ברילן פֿון די וואַסערן האָט אַלץ פֿאַרהילכט.

אַזוי האָבן געפֿלייצט צום אומקום ייִדישע מאַסן אין טעג פֿון אויסזידלונג. אַזוי אָן הילף געזונקען אינעם מבול פֿון פֿאַרטיליקונג.

*

און אויב איך זאָל פֿאַרגעסן אויף איין טאָג פֿון מײַנע טעג, ווי איך האָב געזען דיך דעמאָלט, פֿאָלק אונדזערס, אין יאוש און פֿאַרלוירנקייט, אָן אויסגעליפֿערטס אויף פֿאַר־ניכטונג, זאָל מײַן נאָמען זײַן פֿאַרגעסן.

און זאָל מײַן זכר זײַן פֿאַרשאָלטן, ווי דער זכר פֿון די בוגדים.

וואָס זענען נישט ראוי צו קיין חלק אין דײַן פּײַן.

*

אַלע אײַנגעבוירענע אינסטינקטן אין דער מאַסע אָפּגעדעקט, פֿאַרקנוילט, צע־גרוילט. אַלע געפֿילן אויפֿגערודערט און צעפֿיבערט ביז צום גרונט; געשמיסענע מיט הונדערטער בײַטשן פֿון אַ וואַנזיניקער אַקטיוויטעט. הונדערטער המצאות פֿון כּלומרשטע רעטונגסוועגן. און אויפֿן צווייטן אַנטיפּאָד — אָן אונטערגעבן זיך דעם אומפֿאַרמײַדלעכן, אַ גראַוויטאַציע צום מאַסנטויט נישט ווייניקער ממשותדיק, ווי די גראַוויטאַציע צום לעבן. טייל מאָל די בײדע אַנטיפּאָדן אין דער זעלביקער נשמה — מיט אַנאַנד צי נאָך אַנאַנד.

ווער קען שילדערן די שטאַפּלען פֿון אַ מאַסן־גסיסה? בלויז דעם שוידער פֿון רחמנות צו זיך גופֿא און צו אַנדערע. און נאָך אַ מאָל די דאָזיקע מיראַזשן פֿון אילוזיעס — וואָרטעניש אויף אומגעריכטע נסים — מטורפֿדיקער האָפֿענונג־שמייכל אין די אויגן פֿון אַן אומהיילבאַר־קראַנקן, געשפּענסטישע קאָליר־רעפֿלעקסן אויף דעם געל־וואַקסענעם פּנים פֿון אַ פֿאַרמישפּטן צום טויט.

* געשריבן אין וואַרשע, אויף דער אַרישער זײַט, נאָוועמבער 1943.

# 78 Yizkor, 1943

RACHEL AUERBACH

I saw a flood once in the mountains. Wooden huts, torn from their foundations were carried above the raging waters. One could still see lighted lamps in them; and men, women and children in their cradles were tied to the ceiling beams.

Other huts were empty inside, but one could see a tangle of arms waving from the roof, like branches blowing in the wind waving desperately toward heaven, toward the river banks for help. At a distance, one could see mouths gaping, but one could not hear the cries because the roar of the waters drowned out everything.

And that's how the Jewish masses flowed to their destruction at the time of the deportations. Sinking as helplessly into the deluge of destruction.

And if, for even one of the days of my life, I should forget how I saw you then, my people,[1] desperate and confused, delivered over to extinction, may all knowledge of me be forgotten and my name be cursed like that of those traitors who are unworthy to share your pain.

Every instinct is revealed in the mass—repulsive, tangled. All feelings churning, feverish to the core. Lashed by hundreds of whips of unreasoning activity. Hundreds of deceptive or ridiculous schemes of rescue. And at the other pole, a yielding to the inevitable; a gravitation toward mass death that is no less substantial than the gravitation toward life. Sometimes the two antipodes followed each other in the same being.

Who can render the stages of the dying of a people? Only the shudder of pity for one's self and for others. And again illusion: waiting for the chance miracle. The insane smile of hope in the eyes of the incurable patient. Ghastly reflections of color on the yellowed face of one who is condemned to death.

---

[1] Cf. Ps. 137 (3).

פֿאַרמישפּטע צום טויט! ווער האָט אַזוינס געקאָנט, געוואָלט, באַנעמען?

און ווי האָבן געקאָנט זײַן גרייט צו אַזאַ מין גזר די מענטשן אין די מאַסן — צווײַגן נידעריקע, ייִדן פּשוטע, געוויקסן קליינע אויף דער וועלט?

אַזעלכע מענטשן, וואָס וואָלטן זייערע יאָרן אויסגעלעבט און וואָלטן קיין מאָל נישט פֿאַרטשעפּעט מיטן רעכט און נישט אַפֿילו מיטן אומרעכט פֿון דער וועלט.

ווי האָבן געוואָלט גרייט זײַן צום שטאַרבן אין אַ גאַזקאַמער אַזעלכע מענטשן, וואָס האָבן זיך געשראָקן ווי קליינע קינדער פֿאַרן פֿאָטעל פֿון אַ דענטיסט; געוואָרן בלייך פֿאַר שרעק פֿאַרן אַרויסרײַסן אַ צאָן?

און טאַקע זיי גופֿא — די קליינע קינדער?

די קלענערע און קלענסטע, אַזעלכע, וואָס זענען נאָך געזעסן אויף די אָרעמס פֿון די מאַמעס, געשמייכלט צו אַ זונענשטראַל און צו אַ פֿייגעלע; געמאַכט אַ „קוקו" צו אומ־באַקאַנטע מענטשן אין טראַמווײַען. די וואָס האָבן נאָך געפּליאַסקעט „טאַטי", גערופֿן „הײַטאַ" און געווונקען מיט די קליינע הענטעלעך: „פּאַ—פּאַ"!

פּאַ—פּאַ! וועלט אומדערקענטע! די קינדערלעך אין איינעם מיט די מאַמעס זענען אַוועק „הײַטאַ"...

סײַ די סאַמע זיסע — די צוויי־און דרײַ־יעריקע, וואָס האָבן זיך ווי פּיצלעך הינ־דעלעך פֿריש אויסגעפּיקטע אויף ווייכע פּיסעלעך געקײַקלט. און סײַ די עטוואָס גרעסערע, וואָס האָבן שוין גערעדט; און אויפֿהער זיך נאָכגעפֿרעגט אויפֿן טײַטש פֿון אַלע ווערטער; וואָס האָבן זיך אַלצדינג געלערנט פֿון דאָס נײַ. קינדער פֿינף־יעריקע און זעקס־זיבן־יעריקע. און די נאָך גרעסערע, מיט אויגן ברייט צעעפֿנטע פֿול נײַגער צו דער גאַנצער וועלט. און די, וואָס זייערע אויגן זענען שוין געווען פֿאַרשלייערט מיטן נעפּל פֿונעם רײַף־ווערן. ייִנגעלעך, וואָס האָבן זיך אין שפּיל געגרייט פֿאַר צוקונפֿטיקע מעשים.

מיידעלעך, וואָס האָבן געניאַנטשעט ליאַלקעס אין די ווינקלען, מיט גרויסע קאָקאַרדעס אויף די קעפּלעך, ווי שפּערלען אונטערגעשפּרונגען אויף די סטעזשקעס פֿון די גערטלעך און אויף הייף.

און די, וואָס זענען שוין צו קנאָספּן האַלב־געעפֿנטע געווען געגליכן; אַזעלכע, וואָס דער ערשטער פֿרילינגווינט האָט שוין באַוויזן אַ גלעט צו טאָן זייערע בעקלעך מיט זײַן ערשטן גלינצנדיקן גלעט — מיידעלעך עלף־און צוועלף־ און דרײַצן־יעריקע מיט פּנימער פֿון מלאכים — קעצעלעך שפּילעוודיקע, בלימלעך שמייכלענדיקע אין חודש מײַ.

און די כּמעט צעבליטע שוין — די פֿערצן־און די פֿופֿצן־און די זעכצן־יעריקע. די שׂרהס און די רבֿקהס, די רחלס מיט די לאהס פֿונעם חומש — מיט נעמען פֿאַרצויגענע אויף פּויליש; מיט אויגן בלויע און גרינע אונטער ברעמען־בויגנס פֿון אָפּגעפֿונענע וואַנטגעמעלן פֿון בבֿל און מצרים; פֿרײַלינס שלאַנקע פֿון די חבֿרון־ברינעמער, יונג־פֿרויען פֿון עוואַנגעליע. שפֿחות פֿרעמדע פֿון ייִדישע אָבֿות. מידבר־מיידן מיט נאָזלעכער צעבלאָזענע, מיט האָר געקרויזטע און מיט הויטן טונקעלע, אַזש בלאָסע פֿונעם הייסן בלוט... טעכטער שפּאַנישע און פֿרײַנדינס פֿון העברעישע פּאָעטן אינעם מיטל־עלטער — בלומען פֿאַרחלומטע, געבויגענע איבער אַ וואַסער־שפּיגל. און ווידער איר, בלאָנדינעס דער־ליקאַטע, מיט העברעישער התלהבֿות אין סלאַווישער פֿרייליכקייט פֿאַרוועבט. און די נאָך העלערע, קאָרענע־פֿלאַקסענע, פּויערטעלעך ברייטהיפּיקע, וואָס זענען ווי דאָס שוואַרצע ברויט, ווי דאָס פּראָסטע העמד געווען אויפֿן לײַב פֿון פֿאָלק.

Condemned to death. Who could—who wished to understand such a thing? And who could have expected such a decree against the mass? Against such low branches, such simple Jews. The lowly plants of the world. The sorts of people who would have lived out their lives without ever picking a quarrel with the righteous—or even the unrighteous—of this world.

How could such people have been prepared to die in a gas chamber? The sorts of people who were terrified of a dentist's chair; who turned pale at the pulling of a tooth.

And what of them . . . the little children?

The little ones, and those smaller still who not long ago were to be seen in the arms of their mothers, smiling at a bird or at a sunbeam. Prattling at strangers in the streetcar. Who still played "pattycake" or cried "giddyup" waving their tiny hands in the air. Or called, "pa-pa." O, unrecognizable world in which these children and their mothers are gone. "Giddyup."

Even the sweetest ones: the two- and three-year-olds who seemed like newly hatched chicks tottering about on their weak legs. And even the slightly larger ones who could already talk. Who endlessly asked about the meanings of words. For whom whatever they learned was always brand new. Five-year-olds. And six-year-olds. And those who were older still—their eyes wide with curiosity about the whole world. And those older still whose eyes were already veiled by the mists of their approaching ripeness. Boys who, in their games, were readying themselves for achievements yet to come.

Girls who still nursed their dolls off in corners. Who wore ribbons in their hair; girls, like sparrows, leaping about in courtyards and on garden paths. And those who looked like buds more than half opened. The kind to whose cheeks the very first wind of summer seems to have given its first glowing caress. Girls of eleven, twelve, thirteen with the faces of angels. Playful as kittens. Smiling May blossoms.

And those who have nearly bloomed: the fifteen- and sixteen-year-olds. The Sarahs, the Rebeccahs, the Leahs of the Bible, their names recast into Polish. Their eyes blue and gray and green under brows such as one sees on the frescoes unearthed in Babylon and Egypt. Slender young *fräuleins* from the wells of Hebron. *Jungfraus* from Evangelia. Foreign concubines of Jewish patriarchs; desert maidens with flaring nostrils, their hair in ringlets, dark complected but turned pale by passion. Spanish daughters, friends of Hebrew poets of the Middle Ages. Dreamy flowers bent over mirroring pools. And opposite them? Delicate blonds in whom Hebrew passion is interwoven with Slavic cheerfulness. And the even brighter flaxen-haired peasants, broad-hipped women, as simple as black bread; or as a shirt on the body of the folk.

אומהיימלעך איז געווען די געדעטעניש פֿון שיינקייט צווישן די מיידלעך פֿונעם אונטערוואַקסנדיקן דור אויפֿן גרויען פֿאָן פֿון געטאָ־דלות און פֿון מאַסן־הונגער. ווי האָבן מיר זיך נישט געכאַפּט אויף אַט דעם בייזן סימן? ווי האָבן מיר עס נישט פֿאַרשטאַנען, אַז אַט די בלײַנג זאָגט אונדז אָן דעם סוף?!

און אַוועלכע זענען זיי אַוועק אין אָפּגרונט — די שיינע טעכטער אונדזערע — אַוועלכע זענען זיי געוואָרן אויסגעריסן און פֿאַרצוקט!

און ווו זענען די ייִדישע בחורים יונגע? ערנסטע און שטרענגע, פֿײַערדיקע, ווי יונגע פֿערד פֿון גוטער ראַסע, וואָס בײַסן דעם צוים און רײַסן זיך צום וועטגעלויף. יונגע אַרבעטער, חלוצים, ייִדישע סטודענטן, מיט לײַדנשאַפֿט צום לערנען, צו ספּאָרט, צו פּאָליטיק; וועלט־פֿאַרבעסערערס און פֿאָנען־טרעגערס פֿון אַלע רעוואָלוציעס, וואָס זענען גרייט געווען מיט זייער התלהבות צו פֿאַרפֿולן אַלע תּפֿיסה־קאַמערן פֿון גאָר דער וועלט. אַ סך פֿון זיי האָט מען פֿאַרפֿײַניקט אין די לאַגערן נאָך איידער מען האָט אָנגעהויבן דעם מאַסנמאָרד.

און נאָך אַנדערע ייִנגלעך — פּשוטערע — די ערדישע וואָרצלען פֿון אַ פֿאַרטראָגן פֿאָלק, דער ניכטערקייט־עקסטראַקט קעגן אידעאַליסטישער דעגענעראַציע פֿון דעם שטאַם.

יונגע מענער מיט מוסירנדיקע זאַפֿטן, מיט קעפּ פֿון שטירן פֿאַרדיסגעשטרעקטע, ווי צום שטויסן, מיט נאַקנס אײַזן־האַרטע פֿונעם וואָרט, וואָס ווערט געזאָגט אויף אונדזער פֿאָלק.

ייִדן פֿרומע אין שוואַרצע קאַפּאָטעס, להבֿדיל, צו גלחים ענלעכע אין זייער מיטל־עלטערלעכע טראַכט; ייִדן־רבנים און למדנים, וואָס האָבן דאָס גאַנצע לעבן אונדזערס געוואָלט פֿאַרוואַנדלען אין אַ תּורה־לערנען און דאַווענען צו גאָט. אויף זיי, די ערשטע, האָט זיך אויסגעגאָסן דער צאָרן פֿונעם רוצח. נישט אומזיסט האָבן זיי תּמיד גערעדט וועגן קידוש־השם...

און ווידער ייִדן אַנדערע — ברייטפּלייציקע, מיט די געדיכטע שטימען און מיטן געדיכטן כּוח פֿון הערצער און הענט — ייִדן בעלי־מלאכות, אַרבעטער. ייִדן פֿורמאַנעס און טרעגערס, וואָס האָבן מיט איין קנאַק פֿון זייער פֿויסט געקאָנט אַוועקלייגן אַיעדן כוליגאַן, וואָס האָט געוואָגט אַרײַנצורײַסן זיך אין זייער תּחום.

ווו זענט איר געווען, ווען מען האָט בײַ אײַך אַוועקגענומען ווײַב און קינד און אַלטע טאַטע־מאַמע? וואָס איז מיט אײַך געשען, וואָס איר זענט אַליין ווי אָקסן אין פֿײַער געלאָפֿן? נישט געווען ווער ס'זאָל אײַך אָנווײַזן אַ ציל אין דער מהומה, אַוועקגעשווומען זײַט איר מיטן מבול מיט די שוואַכערע באַנאַנד?

און איר, סוחרים פּיפּיקע, געביפּטע, פֿון די נאַלעווקעס — אין געהאַקטע בעקעשעס און מיצלעך אויף די קעפּ — ווי האָט איר זיך דאָס אויפֿן מערדערישן שווינדל נישט דערקענט? פֿאַמיליע־פֿאָטערס און משפּחה־מוטערס — וואַרשעווער — ברייטע סוחרטעס מיט שטאָלצע און חכמה־שטראַלנדיקע גרויסע פּנימער אויף דרײַפֿאַכיקע גוי־דערס אין געשעפֿטן הינטער טישן, צווישן בערג מאַנופֿאַקטור.

און איר, אַנדערע מאַמעס. פֿאַרהאָרעוועטע הענדלערינס און מאַרקזיצערינס — צעשויבערטע און אַנגעסטראַשעטע ווי קוואָטשקעס בייזע, פּאַטשנדיקע מיט די פֿליגל אין פֿײַערדיקער זאָרג פֿאַר אײַער קליינוואַרג.

סאָטעס אַנדערע, אַרויסגעוואָרפֿענע פֿון זאָטל שוין — פֿאַרקויפֿערס פֿון צוקערלעך און סאַכאַרינקעס אויף הינקענדיקע טישעלעך אין געטאָ־צײַט...

It was an uncanny abundance of beauty of that generation growing up under the gray flag of ghetto poverty and mass hunger. Why was it that we were not struck by this as a portent of evil? Why was it that we did not understand that this blossoming implied its own end?

It was these, and such as these, who went into the abyss—our beautiful daughters. These were the ones who were plucked and torn to bits.

And where are the Jewish young men? Earnest and serious; passionate as highbred horses, chomping at the bit, eager to race. The young workers, the *ḥalutsim*, Jewish students avid for study, for sports, for politics. World improvers and flag bearers of every revolution. Youths whose passion made them ready to fill the prison cells of all the world. And many were tortured in camps even before the mass murder began. And where are the other youths, simpler than they—the earthen roots of a scattered people; the very essence of sobriety countering the decay of idealism at the trunk. Young men with ebullient spirits, their heads lowered like those of bulls against the decree spoken against our people.

And pious Jews in black gaberdines, looking like priests in their medieval garb: Jews who were rabbis, teachers who wanted to transform our earthly life into a long study of Torah and prayer to God. They were the first to feel the scorn of the butcher. Their constant talk of martyrdom turned out not to be mere empty words.

And still other Jews. Broad shouldered, deep voiced, with powerful hands and hearts. Artisans, workers. Wagon drivers, porters. Jews who, with a blow of their fists, could floor any hooligan who dared enter into their neighborhoods.

Where were you when your wives and children, when your old fathers and mothers were taken away? What happened to make you run off like cattle stampeded by fire? Was there no one to give you some purpose in the confusion? You were swept away in the flood, together with those who were weak.

And you sly and cunning merchants, philanthropists in your short fur coats and caps. How was it that you didn't catch on to the murderous swindle? Fathers—and mothers of families; you, in Warsaw. Stout women merchants with proud faces radiating intelligence above your three chins, standing in your shops behind counters heaped with mountains of goods.

And you other mothers. Overworked peddler women and market stallkeepers. Disheveled and as anxious about your children as irritable setting hens when they flap their wings.

And other fathers, already unhorsed, as it were. Selling sweets from their wobbling tables in the days of the ghetto.

ס'ארא שגעון צו וועלן אויסרעכענען די אַלע מינים מענטשן ייִדישע, וואָס זענען געוואָרן אומגעבראַכט!

... ייִדעס און באָבעס, באַשאָטענע מיט אייניקלעך. מיט הענט ווי פּאַרוויאַנעטע בלעטער, מיט ווײַסע קעפּ, וואָס האָבן זיך געטרייסלט איבערן לעבן, וואָס איז שוין גע־וואָרן אָפּגעטאָן... נישט באַשערט געווען זיי אַראָפּלאָזן זיך אינעם קבֿר מידע, רר באַדערפֿטיקע ווי אַ זינקענדיקער טאָג אין כוואַליעס פֿונעם גרויסן אָקעאַן. ניגזר געוואָרן אויף זיי צו זען פֿאַר זייער אייגענעם סוף דעם אונטערגאַנג פֿון דעם, וואָס איז פֿון זיי אַרויסגעקומען, דעם חורבן פֿון אַלץ, וואָס זיי האָבן אויפֿגעבויט.

די גזירה אויף קינדער און זקנים איז געווען טאָטאַלער, גרויזאַמער פֿון אַלע.

*

...די ווערטפֿולע און די ווייניקער ווערטפֿולע. די מיט פֿעיִקייטן אויסגעקריי־צקטע אין מי און אָפּקלײַב פֿון דורות און אָ צאָל. אומפֿאַרגלײַכלעכע טאַלענטן מיט אוצרות פֿון טיפֿן וויסן און פֿון פֿאַכקענטעניש — דאָקטוירים גרויסע און באַרימטע, פּראָפֿעסאָרן, מוזי־קער, מאָלערס, אַרכיטעקטן...

און ייִדן פֿון די האַנטפֿאַכן —

שנײַדערס ייִדישע — געזוכטע און באַוווסטע — ייִדישע גאָלדענע הענט!

ייִדישע זייגערמאַכערס, וואָס גרױם האָבן נאָר צו אײַך צוטרוי געהאַט! ייִדישע סטאָליאַרעס, ייִדישע דרוקערס, בעקערס — גרויסער וואַרשעווער ייִדישער פּראָלע־טאַריאַט! צי זאָל איך זיך טרייסטן דערמיט, וואָס איר האָט באַוויזן אויסשטאַרבן אין געטאָ, צום גרויסן טייל נאָך פֿאַרן גירוש, פֿאַר הונגער און פֿאַר נויט.

*

אַ, שטייגער וואַרשעווער, שוואַרצע יבשה ייִדישע פֿון וואַרשע — גרויסער רעזערוואַט!

אַז אַפֿילו אויפֿן מינדסטן גגב פֿון קראָכמאַלנע און אויף דעם ערגסטן מעסער־שטעכער פֿון דער שמאָלער מילע ווייגט אין מיר דאָס האַרץ. ווארעם אַפֿילו זיי זענען געוואָרן אומגעבראַכט פֿאַר זייער ייִדישקייט; געזאַלבטע און גערייניקטע אין ברודער־קבֿר.

אוי, ווו זענט איר פֿריילעכע קליינע גנבֿים וואַרשעווער, איר „חסידלעך" און הענד־לערס פֿון פֿאַרפֿוילטע עפּל. און איר, גרעסערע שעדיקערס, מיטגלידערס פֿון גרויסע באַנדעס, וואָס האָבן דיך־תּורות אָפּגעהאַלטן; אויסגעהאַלטן אייגענע שולן צו ימים־נוראים; לוויות פֿײַערלעכע געפּראַוועט און געטיילט נדבֿות ווי די שענסטע בעלי־בתּים.

אַ, משוגעים פֿון דער ייִדישער גאַס, צעדולטע חכמה־זאָגערס אין מלחמה־צײַט!

אַ, בייגל־פֿאַרקויפֿערס אין די ווינטערדיקע פֿאַרנאַכטן!

What madness is it that drives one to list the various kinds of Jews who were destroyed?

Grandfathers and grandmothers with an abundance of grandchildren. With hands like withered leaves; their heads white. Who already trembled at the latter end of their days. They were not destined simply to decline wearily into their graves like rest-seeking souls; like the sun sinking wearily into the ocean's waves. No. It was decreed that before they died they would get to see the destruction of all that they had begotten; of all that they had built.

The decree against the children and the aged was more complete and more terrible than any.

Those who counted and those who counted for less. Those with aptitudes developed carefully over countless generations. Incomparable talents, richly endowed with wisdom and professional skill: doctors, professors, musicians, painters, architects. And Jewish craftsmen: tailors—famous and sought after; Jewish watchmakers in whom gentiles had confidence. Jewish cabinet makers, printers, bakers. The great proletariat of Warsaw. Or shall I console myself with the fact that, for the most part, you managed to die of hunger and need in the ghetto before the expulsion?

Ah, the ways of Warsaw—the black soil of Jewish Warsaw.

My heart weeps even for the pettiest thief on Krochmalna Street; even for the worst of the knife wielders of narrow Mila, because even they were killed for being Jewish. Anointed and purified in the brotherhood of death.

Ah, where are you, petty thieves of Warsaw; you illegal street vendors[2] and sellers of rotten apples. And you, the more harmful folk—members of great gangs who held their own courts; who supported their own synagogues in the Days of Awe; who conducted festive funerals and who gave alms like the most prosperous burghers.

Ah, the mad folk of the Jewish street! Disordered soothsayers in a time of war.

Ah, bagel sellers on winter evenings.

---

[2] *Called khesedlekh in Warsaw slang.*

אַ, קינדער אָרעמע אין געסאַ־צײַט, געסאַ־הענדלערס, קלײנע געסאַ־שמוגלערס, שפּײַזערס פֿון משפּחות, מוטיקע און געטרײַע ביז צום לעצט. אַ, ייִנגלעך אָרעמע און באָר־װעסע מיט שאַכטלעך פּאַפּיראָסן אויף האַרבסטיקער סלאָטע.

— פּאַפּיראָסן, פּאַפּיראָסן, זאַפּאַלקעס, זאַפּאַלקעס! — עס קלינגט מיך נאָך אין די אויערן דאָס קול פֿון קלײנעם ציגאַרעטן־הענדלער, װעלכער איז געשטאַנען מיט זײַן סחורה אויפֿן ראָג פֿון לעשנאָ־קאַרמעליצקע.

װוּ ביסטו, ייִנגעלע? װאָס האָט מען געטאָן מיט דיר?

כּסדר װיקלט און פֿאַרװיקלט זיך אין מײַן זכּרון דער באַנד פֿון דעם נישט־אָנגע־דרייטן, נאָך נישט־אָנגעשפּילטן פֿילם פֿון פֿאַר דער אויסזידלונג אונטערן טיטל „דאָס זינגענדיקע געטאָ״. אַפֿילו די מתים זינגען אין אָט דעם פֿילם. זײ בעטלען און טופּען מיט די געשװאָלענע פֿיס:

מעות, אוי מעות.

מעות איז די בעסטע זאַך.

נישט געװען אַזאַ כּוח, אַזאַ שװאַרצע שעה, װאָס זאָל צעברעכן אָט דעם געראַנגל פֿאַרן קיום פֿון דער ייִדישער גאַס.

ביז עס איז געקומען אַזאַ טאָג פֿון דער תּוכחה — אַזאַ טאָג, װאָס איז געװען כּולו נאַכט...

ענדלעך האָט היטלער אָפּגעהאַלטן זײַן גרעסטן נצחון אין דער װעלט־מלחמה.

אַ באַזיגטער איז אַװעקגעפֿאַלן זײַן װיכטיקסטער שונא — דאָס קלײנע ייִנגעלע פֿון ראָג לעשנאָ און קאַרמעליצקע, פֿון סמאָטשע און נאָװאָליפּיע, פֿון דזשיקע־גאַס.

עס האָבן געשטרעקט זײער געװער אַלע הענדלערינס אויף אַלע מערק.

— אַ לוקסוס, אַ סיטקע — זײ האָבן אויפֿגעהערט צו רײַסן זיך די העלדזער פֿון פֿרימאָרגן ביזן אָװנט; צו רײַסן אײנע בײַ דער אַנדערער דאָס לײם־גלעלע, און מיט לײם פֿאַרמישטע, מיטן נויט־מעסער געפּערטלטע ברױט.

*

די ערשטע האָט מען פֿאַרנומען די בעטלערס. מען האָט אָפּגערוימט פֿון גאַס אַלע פּרנסה־לאָזע, הײמלאָזע. אויף װעגענער האָט מען זײ אויפֿגעזעצט דעם סאַמע ערשטן אינדערפֿרי פֿון אויסזידלונג; געפֿירט זײ איבער דער שטאָט. זײ האָבן די הענט גע־שטרעקט מיט אַ יללה, מיט פֿאַרצװײפֿלונג זײ געבראָכן, אָדער מיט זײ צוגעדעקט די פּנימער און קעפּ.

— מאַמע! — האָבן געשריגן די ייִנגסטע צװישן זײ — מאַמע!

און מען האָט טאַקע געזען לױפֿן פֿון בײדע זײַטן װעגענער פֿרױען, מיט סיכלעך װאָס האָבן זיך בײַ זײ אַראָפּגעגליטשט פֿון די קעפּ, אַרױפֿגעריסענע צו זײערע קינדער אויף די װעגענער — די שמוגלערס יונגטלעכע װאָס מען האָט אַראָפּגעשאַרט פֿון פֿאַר די מויערן.

אויף אַנדערע װעגענער האָבן די געכאַפּטע אויסגעזען װי מענטשן פֿון אַלטע קופּער־שטיכן אויף פֿורגאָנען מיט טױט־פֿאַרמישפּטע אין װעג צום עשאַפֿאָט.

Ah, poverty stricken children of the ghetto. Ghetto peddlers; ghetto smugglers supporting their families; loyal and courageous to the end. Ah, the poor barefoot boys moving through the autumn mire with their boxes of cigarettes, "Cigarettes! Cigarettes! Matches! Matches!" The voice of the tiny cigarette seller crying his wares on the corner of Leszno and Karmelicka Streets still rings in my ears.

Where are you, my boy? What have they done to you? Reels from the unfinished and still unplayed preexpulsion film, "The Singing Ghetto," wind and unwind in my memory.[3] Even the dead sang in that film. They drummed with their swollen feet as they begged: "Money, ah money, Money is the best thing there is."

There was no power on earth, no calamity that could interfere with their quarrelsome presence in that Jewish street. Until there came that Day of Curses[4]—a day that was entirely night.

Hitler finally achieved his greatest ambition of the war. And finally, his dreadful enemy was defeated and fell: that little boy on the corner of Leszno and Karmelicka Streets; of Smocza and Nowolipie; of Dzika Street. The weapons of the women peddlers reached to every market square.

What luxury! They stopped tearing at their own throats from morning until night. They stopped snatching the morsels of clay-colored, clay-adulterated bread from each other.

The first to be rounded up were the beggars. All the unemployed and the homeless were gathered up off the streets. They were loaded into wagons on the first morning of the Deportation and driven through the town. They cried bitterly and stretched their hands out or wrung them in despair; or covered their faces. The youngest of them cried, "Mother, mother." And indeed, there were women to be seen running along both sides of the wagons, their headshawls slipping from their heads as they stretched their hands out toward their children, those young smugglers who had been rounded up along the walls. In other of the wagons, the captives looked like people condemned to death who, in the old copperplate engravings, are shown being driven to the scaffold in tumbrils.

אַריבער די יללה איבער שטאָט און שטום געוואָרן. אין די ווײַסערדיקע טעג האָט מען קיין געיאָמער נישט געהערט מער. אַ מאָל נאָר ווי אַ דערשטיקט סיקען. פֿון עופֿות געכאַפּטע צו דער שחיטה, בשעת מען האָט געכאַפּט און מיט כּוח געלאָדן פֿרויען אויף די וועגענער.

מענער האָבן ס׳רוב געשוויגן. אַפֿילו קינדער האָבן פֿאַר גרויס שרעק זעלטן אויפֿגעהויבן אַ געוויין.

*

מען האָט אַראָפּגערוימט פֿון גאַס די בעטלערס און עס איז אַנטשטומט געוואָרן אויף די געטאָ־גאַסן יעטוועדער געזאַנג.

נאָר איין מאָל האָב איך נאָך געהערט זינגען אין דער צײַט פֿון אויסזידלונג, אַ ייִדיש ליד, מיט אַ מאָנאָטאָנעם סטעפּ־ניגון, געזונגען דורך אַ בעטלער־מיידעלע פֿון אַ יאָר דרײַצן. אין משך פֿון אַ צוויי וואָכן פֿלעגט זי נאָך אַרויסקריכן פֿון אַ באַהעלטעניש אין די פֿאַרנאַכטן, ווען די אַקציע פֿלעגט זיך אָפּשטעלן — יעדן טאָג אַ מאָגערערע, אַ העכערע און בלייכערע מיט וואָס אַ מאָל אַ גרעסערן אָרעאָל פֿון טרויער אַרום קאָפּ... זי פֿלעגט זיך אַוועקשטעלן אויף איר אָמאָליקן אָרט, אונטער אַ הויז אויף לעשנאָ און טרעלירן אירע טרעלן צו באַקומען אַ שטיקעלע ברויט...

*

שוין, שוין... איך מוז איצט אָפּשטעלן דאָס שרײַבן.

ניין, ניין! איך קען נישט אויפֿהערן. עס האָט זיך מיר דערמאָנט אַן אַנדער מיידעלע פֿון אַ יאָר פֿערצן. מײַן אייגן ברידערל־יתומהלע פֿון לעמבערג, וואָס איך האָב אויף די הענט מײַנע געטראָגן, ווי מײַנס אַן אייגן קינד — לוסיע! און נאָך איין לוסיע, אַן עלטערע פֿון איר, מײַנס אַ געשוועסטער־קינד, וואָס האָט זיך אין לעמבערג געלערנט און וואָס איך האָב זי פֿאַר אַ שוועסטערל מײַנס באַטראַכט. און די מאַמע פֿון דער ערשטער לוסיע, מײַן ברודערס אַלמנה לאָניע און דאָס גרעסערע קינד אירס, וואָס איך האָב אין האַרץ מײַנעם פֿאַר אַ זון אַן אייגענעם געהאַלטן זינט ער איז געבליבן אַ יתום — מונדעק. און נאָך אַ מיידעלע פֿון דער משפּחה. די 13־יעריקע פּיאַניסטין, מײַן טאַלענטירט קוזינקעלע יאַסימאַ!

און מײַן גאַנצע משפּחה־נעסט פֿון מאַמעס צד אין ווײַטן פּאָדאָליער דאָרף. די מומעביילע, מומע צירל, דער ווזיציע יאַסיע, ציאַציע דאָרציע — דער שיינקייטס־אידעאַל פֿון מײַנע קינדער־יאָרן — ציאַציע דאָרציע...

איך האָב אַזוי פֿיל נעמען צו דערמאָנען! ווי קאָן איך ווענען פֿון זיי אויסלאָזן, אַז כּמעט אַלע זענען זיי אַוועק קיין בעלזשעץ און טרעבלינקע, אָדער אויפֿן אָרט געוואָרן אומגעבראַכט אין לאַנאָוויץ און אָזיעראַן, אין טשאַרטקאָוו און אין מילנעצע, אין קריוווטש און אומעטום.

The outcries died down in the town, and there was silence. Later on, there were no cries heard. Except when women were caught and loaded onto the wagons and one could hear an occasional indrawn hiss, such as fowl make as they are carried to the slaughter.

Men, for the most part, were silent. Even the children were so petrified that they seldom cried.

The beggars were rounded up, and there was no further singing in the ghetto. I heard singing only once more after the deportations began. A monotonous melody from the steppes sung by a thirteen-year-old beggar girl. Over a period of two weeks she used to creep out of her hiding place in the evening, when the day's roundups were over. Each day, looking thinner and paler and with an increasingly brighter aureole of grief about her head, she took her place at her usual spot behind a house on Leszno Street and began the warbling by whose means she earned her bit of bread. . . .

Enough, enough . . . I have to stop writing.

No. No. I can't stop. I remember another girl of fourteen. My own brother's orphan daughter in Lemberg whom I carried about in my arms as if she were my own child. Lussye! And another Lussye, older than she, one of my cousins who was studying in Lemberg and who was like a sister to me. And Lonye, my brother's widow, the mother of the first Lussye, and Mundek, an older child of hers whom I thought of as my own son from the time that he was orphaned. And another girl in the family, a pianist of thirteen, my talented little cousin, Yossima.

And all of my mother's relatives in their distant village in Podolia: Auntie Bayle; Auntie Tsirl; Uncle Yassye; Auntie Dortsye, my childhood's ideal of beauty.

I have so many names to recall, how can I leave any of them out, since nearly all of them went off to Belzec[5] and Treblinka or were killed on the spot in Lanowce and Ozieran in Czortkow and in Mielnica. In Krzywicze and elsewhere.

---

3) A Nazi propaganda film made in the ghetto in May 1942.

4) The Tokhehα, 1.

5) A death camp in Poland.

אַבסורד! איך וועל נישט דערמאָנען מער קיין נעמען. אַלע זענען מײַנע, אַלע אייגענע — אַלע די וואָס זענען געוואָרן אומגעבראַכט. נישט מער — די וועלכע איך האָב געקענט און ליב געהאַט, פֿאַרפֿולן מײַן זכרון, וואָס איז הײַנט געגליכן צו אַ בית־עולם — דער איינציקער בית עולם, וואָס איז פֿאַרבליבן אַ זכר, אַז זיי זענען געווען אויף דער וועלט.

✱

איך פֿיל און ווייס, אַז זיי ווילן דאָס... אַיעדן טאָג טו איך דערמאָנען אָן אַנדערן פֿון די, וואָס זענען אַוועק.

און ווען איך קום צום סוף פֿון דער סעריע — אָן אָפּשניט נאָך אָן אָפּשניט, אויף די אָפּשניטן פֿון מײַנע איצטיקע געגנג איבער דער שטאָט — הייב איך ווידער אָן פֿון ס'נײַ. זיי טוען מיר ווי — אַיעדער פֿון זיי באַזונדער — אָט פּונקט אַזוי ווי ס'טוען ווײ אַ מענטשן זײַנע אָפּעריִרטע קערפּערטיילן, זײַנע אָפּגעשניטענע הענט און פֿיס, יעדער פֿינ־גער באַזונדער, — צוליב די נערוון וואָס זענען פֿאַרבליבן אין נערוון־סיסטעם.

איך האָב באַגעגנט דאָ נישט לאַנג אַ פֿרוי אין טראַמוויי, וועלכע האָט עפּעס גערעדט צו זיך אַליין, פֿאַרוואָרפֿן דעם קאָפּ אויף הינטן. איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז אַ שיכּורע, אָדער אַ גײַסטיק־קראַנקע. און געווען איז דאָס אַ מאַמע, וואָס האָט נאָר וואָס דערהאַלטן אַ ידיעה, אַז מען האָט דערשאָסן איר זון, וואָס איז געכאַפּט געוואָרן אויף דער גאַס.

— מײַן קינד — האָט זי געשטאַמלט — נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף די מענטשן, וואָס זענען געפֿאָרן אין טראַמוויי — מײַן זון, מײַן שענסטער אויף דער וועלט.

---

אויך איך וואָלט וועלן ריידן צו מיר, ווי אַ צעדולטע, ווי אַ שיכּורטע, ווי יענע פֿרוי פֿון ספֿר שופֿטים, וואָס האָט זיך אויסגעטענהט מיט גאָט און עלי האָט זי אַרויסגע־טריבן פֿונעם משכּן.

איך טאָר נישט קרעכצן און איך טאָר נישט וויינען. איך טאָר נישט צוצי̇ען אויף מיר קיין אויפֿמערק אויף דער גאַס.

און איך דאַרף אַזוי וויינען, אַזוי קרעכצן. נישט פֿיר מאָל אין יאָר, פֿיר מאָל אַ טאָג ווילט זיך מיר זאָגן יזכּור.

✱

יזכּור אלהים את נשמת אָבי מורי ואמי מורתי... דערמאָן, אַ גאָט, די נשמות פֿון אַלע ליבע מײַנע, וואָס זענען אַוועקגעגאַנגען פֿון דער וועלט מיט שרעקלעכע און פֿרעמדע טויטן פֿאַר דער צײַט.

אָט האָט זיך מיר פּלוצעם צוגעזען אַז איך שטיי אַלס קינד אויף אַ באַנק הינטער די פּלייצעס פֿון מײַן מאַמען, וואָס דאַוונט בײַ דער ווײַבערישער מיזרח־וואַנט, אין איינעם מיט דער באָבען און די מומעס אין לאַנאָוויצער עזרת־נשים.

איך שטיי אויף די שפּיץ פֿינגער און קוק דורך די קליינע שײַבעלעך אַראָפּ אויף דער עדה ייִדן אין דער קלויז, וואָס מײַן זיידע האָט אויפֿגעבויט. און אָט האָט דער בעל־קורא מאיר איציק הערשס דרײַ מאָל אַ זעץ געטאָן אין באַלעמער און האָט אויסגערופֿן מיט אַ מעכטיק קול, אַזוי אַז עס זאָלן אים הערן די מענער און די פֿרויען פֿון ביידע זײַטן וואַנט און עס זאָלן אויך דערהערן די יתומים און יתומות פֿון דער עדה, וואָס זענען געשטאַנען און געוואַרט אויף אָט דעם רוף:

מען זאָגט יזכּור!

Absurd! I will utter no more names. They are all mine, all related. All who were killed. Who are no more. Those whom I knew and loved press on my memory, which I compare now to a cemetery. The only cemetery in which there are still indications that they once lived in this world.

I feel—and I know—that they want it that way. Each day I recall another one of those who are gone.

And when I come to the end of the list, segment by segment added to the segments of my present life in the town,[6] I start over again from the beginning, and always in pain. Each of them hurts me individually, the way one feels pain when parts of the body have been surgically removed. When the nerves surviving in the nervous system signal the presence of every finger on amputated hands or feet.

Not long ago, I saw a woman in the streetcar, her head thrown back, talking to herself. I thought that she was either drunk or out of her mind. It turned out that she was a mother who had just received the news that her son, who had been rounded up in the street, had been shot.

"My child," she stammered, paying no attention to the other people in the streetcar, "my son. My beautiful, beloved son."

I too would like to talk to myself like one mad or drunk, the way that woman did in the Book of Judges[7] who poured out her heart unto the Lord and whom Eli drove from the Temple.

I may neither groan nor weep. I may not draw attention to myself in the street.

And I need to groan; I need to weep. Not four times a year. I feel the need to say *Yizkor* four times a day.

*Yizkor elohim es nishmas avi mori ve'imi morasi* . . . Remember, Oh Lord, the souls of those who passed from this world horribly, dying strange deaths before their time.

And now, suddenly I seem to see myself as a child standing on a bench behind my mother who, along with my grandmother and my aunts, is praying before the east wall of the woman's section of the synagogue in Lanowce. I stand on tiptoe peering down through panes of glass at the congregation in the synagogue that my grandfather built. And just then the Torah reader, Hersh's Meyer-Itsik, strikes the podium three times and cries out with a mighty voice so that he will be heard by men and women on both sides of the partition and by the community's orphans, boys and girls, who are already standing, waiting for just this announcement: "We recite *Yizkor*."

עס איז געקומען די פֿײַערלעכע רגע פֿון דערמאָנען די, וואָס זענען נישטאָ. אָפֿילו די, וואָס האָבן שוין אויפֿגעהערט צו דאַווענען, קומען אין דער שעה צו זײַן צוזאַמען מיט די אַנדערע און וואַרטן אויפֿן אָנזאָג:

— מען זאָגט יזכּור.

און ווער פֿון די געבליבענע בײַם לעבן ס׳וועט צוקומען צו אָט דעם אָרט, דער זאָל אָראָפּהענגען דעם קאָפּ, זיך אײַנהערן אין ווייטיק פֿון זײַן האַרצן און דערמאָנען זײַנע נעמען, ווי איך האָב די מײַניקע דערמאָנט — די נעמען פֿון די, וואָס זענען געוואָרן אומגעבראַכט.

און צום סוף פֿון דער תּפֿילה, אין וועלכער יעדער שטעלט אַרײַן די נעמען פֿון זײַנע נאָענטע, געפֿינט זיך אַ פּסוק פֿאַר די, וואָס זענען געוואָרן פֿאַרשניטן אין פֿאַרשיידענע צײַטן מיט געוואַלדטויטן, ווײַל זיי זענען געווען ייִדן און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל זיי דערמאָנען.

און אַזעלכע זענען הײַנט דאָ צום מערסטן.

די גאָלדענע קייט 46 (1963): 29-35.

**RACHEL AUERBACH,** Yiddish essayist and historian, was born in Lemberg, Galicia, in 1903. In 1933 she moved to Warsaw, where she was active in Zionist and modernist literary circles. During the war she ran the soup kitchen at Leszno 40, worked closely with Ringelblum and wrote prolifically while in hiding on the Aryan Side of Warsaw. In 1950 she settled in Israel, where she died in 1976. The Holocaust dominated her postwar writings and activities, the highlights of which were her memoirs of Jewish cultural life in the ghetto and her role in establishing Yad Vashem.

The solemn moment has arrived when we remember those who are no longer with us. Even those who have finished their prayers come in at this time to be with everyone else as they wait for the words, "We recite *Yizkor*."

And he who has survived and lives and who approaches this place, let him bow his head and, with anguished heart, let him hear those words and remember his names as I have remembered mine—the names of those who were destroyed.

At the end of the prayer in which everyone inserts the names of members of his family there is a passage recited for those who have no one to remember them and who, at various times, have died violent deaths because they were Jews. And it is people like those who are now in the majority.

Aryan Side of Warsaw,
November 1943

---

6) *I.e., hiding on the Aryan Side.*

7) *A reference to Hannah's prayer in 1 Sam. 1, not in Judges. Eli did not drive Hannah from the Temple.*

Translated from the Yiddish by Leonard Wolf in *The Literature of Destruction: Jewish Responses to Catastrophe* (JPS, 1989).